נען אלע אָרדיין ראַביים. איבערהויפּט אַז די אלע האָבען צוגעשטעלט דאָקומענטען אַז זיי זיינען אלע עלעקטעטע ראַביים.

דורך איין ניט אַרענטלאַכען טהאַט פון אַ חזן אַ מסדר קדושין, האַט זיך דער סטייט סעקרעטערי דערוואוסט אַז 80 פּראָצענט פון די מסדרי קדושין זיינען פאַלשע ראַביים. ער האַט געשיקט רופען אַ צעהנדליג מסדרי קדושין, זיי זאָלען אויפוויזען אַז זיי זיינען ריכטיגע ראַביים. זיי האָבען מיטגענומען אַ לאָיער און ער האָט געזאָגט אַז ער איז אַ „שליח צבור" פון די פאַראייניגטע שוהלען פון באָסטאָן, און זיי פאַרלאַנגען צו סטאָפּען דעם פאַרהער ביז די שוהלען וועלען האָבען אַ מיטינג וועגען דעם.

מען האַט צוזאַמען גערופען אַ קאָמיטע פון „ועד הרבנים" און פון די ענגליש־שפּרעכענדע ראַביים צוזאַמען מיט איינִיגע בע"ב, און עס איז געמאַכט געוואָרען אַ רעזאָלושאָן צו שיקען אין סטייט הויז (אַ סטייטמענט) אַז אַ רבי איז נאַר דער אויב ער האָט סמיכה פון אַ רב מפורסם אדער ער האַט אַ דיפּלאָמאַ פון אַ סעמינאַר.

די חזנים האָבען פּראָטעסטירט אויף דעם ווייל דאָס שליסט זיי אויס פון זיין מסדרי קדושין.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז אַ קאָמיטע פון רבנים און ראַביים זאָהלען האָבען אַ מיטינג מיט די חזנים. מען האַט איינִיגע מאָהל געמיט צוזאַמען, און די רבנים האָבען ערקלעהרט, אַז די רבנים קאָנען ניט זאָגען אויף די חזנים אַז זיי, די חזנים, זיינען אויך ראַביים, ערשטענס, איז דאָס פאַלש, צווייטענס, איז דאָס געגען דער תורה, ווייל די חזנים אליין זיינען מודה אַז פיעל פון זיי הויבען ניט אָן צו וויסען וואַס סדור קדושין איז, און עס קומט אַרויס דורך דעם פיעל מכשולים, דריטענס ווען עס זאָל געפּאַסט ווערן אַז חזנים מעגען זיין מסדרי קדושין, איז אַנשטאָט וואָס איצט איז פאַראַן 150 ראַביים אין באָסטאָן, וועט בין לילה ווערען עטלאַכע טויזענט קאַנטערס, ווייל אויף דעם טיטול „רבי" איז נאָך דאַ אַ גרענעץ, ניט אלע האָבען די חוצפּה צו סיינען זיך ראַביי. אָבער אויף דעם טיטול „קאַנטער" איז דאָך קיין גרענעץ פאַראַן, דען וועלכער איד האַלט זיך ניט פאַר אַ חזן אדער אַמווייניגסטענס אַ „בעל תפילה" און רייסט זיך צום עמוד. קענען דען די סיטי קלוירקס האַלטען אַ קאַמערטאַן און פאַרהערען יעדער מסדר קדושין? דערום איז קיין ספק ניט אַז עס וועלען נתרבה ווערען מסדרי קדושין מעהר ווי חתונות. איז דען ניט גלייכער אַז מיר זאָלען זיך פאַראייניגען צוזאַמען? אַז צו אַ חתונה אין אַ האָלל אדער אין אַ שוהל זאָל אַ רב ניט געהן אָהן אַ חזן און אַ חזן זאָל ניט געהן אָהן אַ רב. דאָס וועט זיין גוט, זעהר גוט, פאַר אונזער תורה, און פאַר אונז אלעמען.

די חזנים וואָס זיינען באמת איידעלע און רעליגיעזע, האָבען מסכים געווען צו אונז, און זיי זיינען נאָך היינט אויך צופרידען זיך צו פאַראייניגען מיט אונז. אָבער די עזות פּנים'ער, איבערהויפּט די וואָס פיהלען זיך אַז זיי ווייסען ניט קיין איין דין פון סדור קדושין, די האָבען געפייט אַז מען זאָל נאַר טרייען צוקריגען אַ היתר פון סטייט הויז אַז אַ קאַנטאַר מעג מסדר קדושין זיין גלייך ווי אַ רב.

זיי האָבען גענומען אַ לאָיער און געטרייט צו האָבען אַ הירונג אין סטייט הויז, איינעם און אַ צווייטען, און ווייל קיינער איז ניט געוועזן געגען זיי, האַט די קאָמיטע הירונג געפּאַסט אין פייוואָר פון די חזנים. לסוף האָבען מיר געלעזען אין די פּייפּערס אַז דער גאַנצער אַרגומענט פון די חזנים איז געווען: דאַס נור זיי זיינען אלע מאָל געווען די רעליגיאָן־פאַרטרעטער פון אידען און איצטער אויך, און די רבנים זיינען נאַר דזשאַדזשעס, אַז מען פרעגט זיי וואַס ענטפערען זיי. און דערום האָבען אלע מאָל און אין אלע צייטען די חזנים מסדר קדושין געווען, דאָס האָט געווירקט אויף די קאָמיטעלייט, וועלכע זיינען פרעמד אין אַזעלכע ענינים, צו זיין אין די חזנים'ס פייוואָר.